STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04346

ALEYN MIT ZIKH

Eliahu Rajzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. רייזמאַן

אַליין מיט זיך

אליהו רייזמאַן

אליין מיט דיך

וואַרשע יידיש בוך פאַרלאַג

1959

E. REJZMAN

SAM ZE SOBĄ

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: H. GLIKSZTOK
הילע געצייכנט: ה. גליקשטאָק

Wydawnictwo „Idisz-Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2 500 egz. Ark. druk. 4.75. ark. wyd. 3. Papier rotograwiura kl. 3 a[1]. Druk ukończono w czerwcu 1959 r. Druk RSW „Prasa“ Warszawa, ul. Tarczyńska 8, zam. 6207. W-83

מיין בלומען־גאָרטן

אויף א בייט פון מיין גאָרטן פאַרזעצט האָב איך בלומען,
בלומען, וואָס יעדע פון זיי האָט איר נאָמען:
ליליען, פאַרגעסניטלעך און טוליפּאַנען,
צעווישן זיי זענען נאַרציזן פאַראַנען.

וואַקסן זיי, בליען זיי יעדער באַזונדער,
מיט פאַרביקע שמייכלען, צעשפּילטע ווי קינדער.
און כאָטש פון באַזונדערע וואָרצלען זיי שטאַמען,
דאָך לעבן זיי אַלע אין פרידן צוזאַמען.

20. 12. 55.

ביי דער אָדרע

איך שטיי ביי דיין ברעג א פארגאפטער אין ווייט,
ווי אַמאָל נעבן פריפּיעט, מיין היימישן טייך.
דיין שטראָם שלעפּט די זון אויף א גאָלדענער קייט,
דורך שניי־ווייסע מעוועס באַגלייט אין דער הייך.

דער הימל — אַ וואסערפאל — נידערט אַראָפּ
צופוסנס דיין פליעסקען, באשאָטנט מיט גרין.
כ׳הייב אויף פון פארטראכטקייט א ווײלע דעם קאָפּ —
מיט גלי פון פאַרגאַנג איז באמאלן שטשעטשין.

מיין שטאָט — ווי אַ פאַרביק־באַזעגלטע שיף —
אויף טויזנטער אַנקערס זי שטייט ביי דיין ברעג.
און ווען פון סירענעס צעטראָגט זיך א רוף,
מיר דאַכט, אַז זי שווימט צו דעם באַלטיק אַוועק.

19. 12. 55.

א בלימעלע

א בלימעלע, נאר וואָס פון בייט, אַזוי פריש,
געבראכט כ׳האָב פון פעלד און געשטעלט אויף מיין טיש.
איז עס אריין אין א פערז פון מיין ליד,
און דאָרטן פון פרייד זיך נאָך מערער צעבליט.

צעפלעמלט עס האָט זיך אין רויטן קאָליר
אין גאָרטן, אין מיינעם, פון ווייסן פּאַפּיר,
מיט פעדעמלעך ראָזע און שפּרענקעלעך פּיל,
פאַרטראכט מיט אַ זון־שטראל, אַ פאַרביקע שפּיל.

א זילב צו אַ זילב, אַזוי שלאַנק ווי א רויז
די בלום פון די שורות וואַקסט העכער אַרויס,
פון יונגער קאָנוואַליע מיט מאַנדלען געמישט,
א ריח נעמט אויפגיין ביי מיר אויפן טיש.

נאָר פלוצלינג — דאָס ליד אין דער מיט האקט זיך אָפּ, —
אַ בלעטעלע פלאַטערט אוממעכטיק אַראָפּ.
פאַרלאָשן עס האָט זיך דער בליענדער פלאַם,
דעם בלימל פאַרפעלט האָט דער זאַפט פון זיין שטאַם.

1956.

די מוזע

עס מאַכט זיך אַמאָל, ווי פאַר דיכטער עס פּאַסט,
איך וואַרט, אַז די מוזע זאָל קומען צו גאַסט;
אַז נעמען זי זאָל מיך געאָרעמט און פירן
אַ ביסל צעווישן די שטערן שפּאַצירן.

און נאָכדעם, אַז ווייט שוין מיר וועלן פאַרגיין,
פאַרשווינדן זי זאָל און מיך לאָזן אַליין.
און דאַן וועל איך נעמען פאַר עדות צוויי שטערן,
און אייביקע ליבע דעם ווענוס דערקלערן...

און ווען שוין די ליבע דערגיין וועט צו זעט,
אַנטלויפן איך וועל אויף א צווייטן פּלאַנעט,
און דאָרטן מעת־לעתן אַ פּאָר זיך פאַרזוימען,
ביז ווענוס פון ליבע וועט אויפהערן טרוימען...

עס טרעפט זיך אַמאָל, ווי פאַר דיכטער עס פּאַסט,
איך וואַרט, אַז די מוזע זאָל קומען צו גאַסט.
די מוזע, די צאַרטע, צו מיר נישט דערגאַנגען,
א טעלעסקאָפּ האָט אויפן וועג זי געפאַנגען.
און מיר, דעם פּאָעט, איז שוין ווייזט אויס, באַשערט
נישט אָנזען קיין שטערן, נישט וויסן זיין ווערט...

.1956

קריגן זיך די שורות פון מיין ליד

האָבן אויף מיין שרייב־טיש זיך צעקריגט
צעווישן זיך די שורות פון מיין ליד;
פאַר דעם אויבן אָן, דעם בעסטן אָרט,
האָבן זיך צעאַמפּערט וואָרט מיט וואָרט.

ווו זשע נעמט מען ערטער אַזויפיל
נאָכצוגעבן יעדן איינעמס ווילן? —
אַז פון פערזן פיר מיין ליד באַשטייט,
מיט מיין קורצן נאָמען ביי דער זייט?

כ׳פּרוּוו אַרויסנעמען א וואָרט פון עק
און פון אָנהייב שטעל איך עס אַוועק.
ציטערט אויף אַ זילב אין סאַמע מיט
און עס ענדערט אַלץ זיך נישט דאָס ליד.

און פאַר זיך איז יעדע שורה שטום,
און זיי רייסן שטומע זיך אַרום.
ביז אַ שוואַרצער פלעק אויפן פּאַפּיר
ווערט מיין ליד, פון קורצע פערזן פיר.

א זומער־טאָג

אויפן טעלעגראַף הוידעט זיך אַ ווינטל,
טוט אַלע ווייל א סטרונע א באַריר.
די זון אין מיטן הימל, ווי אַ פּינטל,
און דורשטיק זויגט די ערד די ברוסט ביי איר.

פון דער הויך די מילך־שטראַלן שטראָמען —
נא דיר, זויג זיך אָן, מיין קינד צו זאַט!
גייען, ווי אויף הייוון, אויף די בלומען,
רוט אַ בוים אין שאָטן פון זיין בלאַט.

דורך אַ בריל אַ בלויע בליקט אַ טייכל,
טיף אין זיך עס שפּיגלט אָפּ די וויט.
אויף זיין פּלאַך נעמט רינצלען זיך א שמייכל,
וואָס אין לויטער זילבער זיך פאַרגייט.

און די לופט אין סאַמעטענעם ציטער
דורך דער שטילקייט דאַכט זיך עפּעס רעדט.
דער פּיאָלון הערט אויף צו ווערן ביטער,
און דער דאַרן, נישט ער שטעכט, נאָר גלעט...

און דער דאָרן, נישט ער שטעכט, נאָר גלעט...
איבער גריקע, ווייסער נאָך פון שניי.
איך וואָלט די גאַנצע וועלט אַרומגענומען,
ווען זי זאָל פאַרבלייבן שוין אַזוי.

א שטערן

לאָזט זיך אַ שטערן אַראָפּ אויף אַ זילבערנער שנור,
צינדן די רוימען זיך אָן, ווי בורשטין איבער מיר,
ווייס איך — דאָס ליכט פון געפּאַלענע שטערן פאַרגייט.
שטיי איך אין מיטן דער נאַכט, און צו טאָג איז נאָך ווייט.

די נאַכט אין לבנה־געקרייז האָט איר אייגענעם חן,
א מילדקייט דרינגט טיף דורך מיין בליק אין נשמה אַריין.
מיט פרידלעכער רו איז באהימלט די טונקעלע ערד.
אין שטילקייט פון נאַכט, ווי תפילה מיין קול ווערט געהערט.

אין שטילקייט פון נאַכט אָטעמט טיפער דאָס האַרץ פון דער וועלט
מיט ליבע צו אַלץ, וואָס באַשאַפן זי האָט און דערצויגן.
נאָר מאַכט זיך אַ טאָג, וואָס איר ענגשאַפט דעם וועג מיר פאַרשטעלט,
איך שלייך זיך אַרום, ווי אַ בלינדער, מיט אָפענע אויגן...

לאָזט זיך א שטערן אַראָפּ אויף א זילבערנער שנור,
קומט מיר א לעבן, וואָס לעשט זיך, אַרויף אויפן זינען.
אָט נאָר וואָס ער האָט, ווי א טרייסט־ליכט, געשיינט איבער מיר
און מאָרגן — איך וועל אים שוין מער אויף דעם אָרט נישט געפינען.

10. 8. 1957.

הימל־באַלוואָן...

אַ פולע לבנה פון ליים אויסגעקנאָטן,
מיט ליים יעדער שפּאַרע פון נאַכט זי פאַרגלעט,
שטייען לונאַטיקער אויף פון די בעטן,
און ערגעץ אַ חלום פון שלאָף אַרויס רעדט...

אַ פולע לבנה פון ליים אויסגעמייסטערט,
מיט נאָז אויסגעקרימטער און אויגן פון קויל,
זי ווערט פון איר אייגענעם אויסזען באַגייסטערט,
אַ ליימענע ליד רינט אַראָפּ פון איר מויל.

אַמאָל זי פאַרשלייכט זיך צום ראַנד מיר אַנטקעגן
און שטעלט מיר אַ פּענצטער אַוועק אויף דער וואַנט,
מיט שלום־עליכם איר שיין איך באַגעגן,
נאָר זי, זי דערלאַנגט מיר א ליימענע האַנט...

גאַסן און הייזער, און שטיינער אויף וועגן,
און איבער די וועגן די שאָטנס צעשפּאַנט,
זיי ווונקען זיך איבער מיט שטערן און פרעגן
ווער האָט עס באַשאַפן דעם הימל־באַלוואַן...

1957

נאכט

אין וויגל פון גאַס וויגט א שאָטן דער ווינט
אהין און צוריק איבער טונקעלע ווענט,
און פון דער לבנה א שלאָף־געטראנק רינט;
עס נעמען זיך וואָלקנדלעך אָן פאַר די הענט.

אין הימל באַוועגט זיך א נאַכט־קאראהאד
אין בליציקן שימער, אין שווינדל־געדריי,
אַ שטערן־געזאַנג איבער דעכער פון שטאָט,
געמישט מיט א יעמערלעך הינט־וואיעריי:

ביי סאזשלקעס שפיגלען עס פוצן זיך אויס
חלומות פילפארביק, אין גרין־געלן זייד,
זיי שוועבן פון יעדערן פענצטער ארויס,
כדי צו געפינען פאר זיך א באַשייד.

אין נעסט פון מוחות, ווי קניילעכלעך רויך
עס וועבט זיך דער שלאָף, ווערט אַנטשלאָפן אַליין...
און שלאָפנדיק פלאטערט ווער אום אין דער הויך,
ביז אונטער זיין קאָפּ ווערט דאָס קישן א שטיין — — —

אין וויגל פון גאַס וויגט אַ שאָטן דער ווינט,
מיט בלוט ווערט פארלאָפן דאָס אויג פון דער נאַכט.
אין ראַנד נעמט זיך בלייכן אַ פליך פון באַגין,
א שנירעלע זון רינט אַראָפּ פון א דאַך.

האַרבסט

אין מאַטעוון זילבער צעשווימען זיך העכער;
א קרענקלעכע פּוסטקייט אין פעלד.
מיט שווערקייט די זון פּרוּווט זיך אויפהייבן העכער,
עס אָטעמט מיט פריאיקע קעלט.

אין הילעס פון נעפּלען עס שווימען די מאָרגנס;
אַ ריח פון פוילן טשערעט.
אַ בוים צו א בוים האָט דעם קאָפּ צעגעבויגן
און סודותדיק שטיל זיך צערעדט.

די קרוין פונעם וואַלד, ווי א שייטער א ברוינער,
פלאַמט אויף אונטער הימלישן בלאָ.
אין זומפּ א פאַרבליבענער שטאָרך, הויט און ביינער,
עס שפּאַנט נאָך אן אַקער א קראָ.

זקניש, מישובדיק קומען מעת־לעתן,
מיט פלעמלעך פון וועלקן אין בליק.
זיי וועלן צום פרילינג דעם וועג נישט פאַרגעסן,
ווען אויפבליען וועט ער צוריק.

די רויז

געשפּראָצט האָט אַ רויז אויפן פעלד,
איך האָב זי מיט ליבע געפלעגט.
באַזוניקט איר ליכט האָט מיין וועלט,
אַרום האָט די לופט זיך צעשמעקט.

אין שאָטן פון אָוונט־פאַרגאַנג
זי האָט ווי אַ שטערן געשיינט.
באַפּליטערט מיט טוי און געזאַנג
געווען אויף דער ערד איז איר זיין.

געבליט האָט אַ רויז אויפן פעלד,
אַ נאַכט האָט דעם הימל באַדעקט.
צעשוידערט עס האָט זיך פון קעלט
א בלעטל, — א בלוטיקער פלעק.

מיין אײדעלע רויז, מיין פאַרמעג,
אַ האַרבסט האָט דיין שיינקייט פאַרשוועכט.
באַלויכטן דו האָסט מיינע טעג,
מיין דרימל באוואכט אין די נעכט.

מ׳האָט דיך מיט שוואַרצקייט באַמאָלט,
נאָר דו, אין דיין תוך, ביסט נישט שוואַרץ.
פאַר דיר מיט מיין בלוט כ׳האָב באַצאָלט,
איך טראָג דיך — א וווּנד אין מיין האַרץ.

.1956

איך און מיין שאָטן

איך און מיין שאָטן, מיר זענען אין צווייען,
און איינער אָן צווייטן, פון אָרט נישט קיין ריר.
עס קומען מעת־לעתן, מעת־לעתן פאַרגייען,
איך שפּאַן דורכן לעבן, און ער הינטער מיר.

איך און מיין שאָטן, אומשיידבאַר געבינדן;
אַמאָל, ווי אַ הונט, ער פאַרלויפט מיר פאָרויס.
און ווען פון דער זון ווערט די ערד אָנגעצינדן,
פאַרשווינדט ער פון אונטער די טריט און רינט אויס.

און ווען אין מיין פענצטער די שקיעות דערצאנקען,
צעוואַקסט ער זיך צווי מאָל די גרויס אויף דער וואַנט.
איך הייב אָן צו טראַכטן מיט זיינע געדאַנקען,
איך שרייב אָן אַ פערז נאָך אַ פערז מיט זיין האַנט...

איך און מיין שאָטן. און ווער פון אונדז ביידע
איז אמת, און ווער איז נאָר בלויז צוגעטראַכט.
איך ווייס נישט, נאָר פיל, אַז אַרום מיר כסדר
קומט פאָר אַ געראַנגל פון טאָג מיט דער נאַכט.

אויגוסט 1956.

ווען אַראָפּגעפאַלן פון הימל וואָלט די זון

ווען אַראָפּגעפאַלן פון הימל וואָלט די זון
אויף אונדזער ערד — צוזאַמען מיט די שטערן,
ווער ווייסט? קאָן זיין, נישט ליכטיקער דערפון,
נאָר פינצטערער וואָלט אָנגעהויבן ווערן.

פאַר יעדן מענטשן־אויג א שנירל ליכט,
און אויגן, ווי די שטערן, נישט צו ציילן.
און דאָרט, וווּ ס'איז די פינצטערניש געדיכט,
אין אָפּגרונט, אין פאַרבאָרגעניש פון היילן? —

ביי יעדן פאַלק וואָלט אויפגעפלאַמט אַ שלאַכט,
און דער זיגער דעמלט, ווער וועט בלייבן?
עס דורשט דער מענטש נאָך ליכטיקייט א סך,
כדי פון זיך זיין שאָטן צו פאַרטרייבן.

1956.

נאַכט

ווי סודות עס שפּראָצן די שטערן אַרויס
פון הימלישער טיף,
אַ וואָלקן, אַ רויב־פיש, אין ריזיקער גרויס,
פאַרשלינגען זיי פּרוּוט.

די נאַכט גייט אַרום מיט לבנה אין האַנט.
וואָס זוכט זי אַרום? —
דאָס וויל זי פאַרלעשן אַ שטראַל אויף אַ וואַנט —
אַ שפּיז אין דער קרום.

און ווינטיק צעפּיבערט, אַ ווילדע זי פאַלט
אין אַ פענצטער אַריין.
און דאָרט ווו זי פאַלט, זיך פאַרלעשן נעמט באַלד
יעדע ליכטיקע שיין.

נאַכט — אויפן הימל אַ בלוטיקער פלעק,
געוואַי און געביל.
אַ הילפלאָזער בוים מיט די צווייגן צעשטרעקט
צעשווידערט זיך שטיל.

אַ גרויע האָר

טאַנץ, מיין פריינדין, פלאַמיק אַזוי טאַנץ!
ניי־יאָר־ליכט. דיין פּנים א צעשטראַלטער.
אַ גרויע האָר? — ווייל מיט אַ יאָר אַ גאַנץ
נישט דו ביסט, נאָר די צייט געוואָרן עלטער.

טאנץ, מיין פריינדין, פלאמיק איז דיין בליק —
שאָטן־פעדעם טונקלען אין זכרון?
ווייס, אַז איין מינוט פון העכסטן גליק
קאָן באַדייטן מער אַמאָל פון יאָרן.

אויף דיין קאָפּ האָט זיך צעטאַנצט אַ גרויע האָר,
דו רייסט זי אויס מיט ציטערדיקע פינגער.
צו וואָס? מיט יעדן קומענדיקן יאָר
הייבסטו, דאַכט זיך, אָן צו ווערן יינגער...

וואָס פיבערסטו, וואַלד

וואָס פיבערסטו, וואַלד, אין גערויש,
באַפלאָטערט פון טונקעלער שרעק.
די נאַכט האָט אויף טאָג זיך פאַרטוישט,
עס זענען די וואָלקנס אַוועק.

וואָס שוידערסטו, וואַלד, אויף דיין בלאַט,
אַ יונגע, די זון וואַרפט איר שיין.
דער ווינט איז פון בלאָזן נישט זאַט,
קיין שטורעם וועט דאָך שוין נישט זיין.

דיין ווייטיק איז טיף, איך פאַרשטיי,
פאַר יעדערן בוים, וואָס געקראַכט.
א סאָווע מיט פינצטער געשריי
געוויגט האָט דיין חלום ביינאַכט.

וואָס פיבערסטו, וואַלד, אין גערויש,
אין בלימלדיק־ראָזעוון פלאַם,
עס האָבן זיך קאָנספן פארטוישט
צופוסנס דיין טונקעלן שטאַם.

18. 11. 1956.

איך גיי דורכן לעבן מיין וועג

איך גיי דורכן לעבן מיין וועג,
ווי ווילדע צעפלאָסענע טייכן.
עס לויפן פאַר מיר מיינע טעג,
וואָס גיכער דעם סוף צו דערגרייכן.

אַ פרילינג גייט אויף און פאַרשווינדט
מיט שאָטן־פאַרטונקלטע פאַרבן.
א טאָג, וואָס מאַכט וועלקן, באַגינט
און יאָרן נאָך יאָרן זיי שטאַרבן.

אין שטרויכל געצוימט מיינע טריט,
איך פרווו אינעם וועג זיך פאַרהאַלטן.
נישט אײנמאָל מיט שווערן געמיט
דעם היינט און דעם נעכטן פארשאָלטן.

איך גיי דורכן לעבן מיין גאַנג
אין אָפּשיין פון שטערן און זונען.
דעם וועג כ׳האָב פאַרלוירן שוין לאַנג
און קאָן אים נישט מער אָפּגעפינען.

סעפטעמבער 1955.

דאָס טעלערל פון הימל

וואָס ווילסטו, מיין קינד, דאָס טעלערל פון הימל?
איך קאָן נאָך צו דעם נישט דערלאַנגען.
געדולד, נאָר געדולד, נישט שריי, נאָר נישט טומל,
ס'איז עמעץ אהין שוין דערגאַנגען...

זיי רואיק, מיין קינד, איך וועל אים אַ בעט טאָן,
די טובה ער וועט נישט אָפּזאָגן.
א טעצל פון זילבער, ער וועט עס א נעם טאָן,
און פשוט עס דיר אונטערטראָגן...

דערווייל, נישט וויין און פאַרטיף זיך אין דרימל,
ביז וואַנעט, ביז ווען דאָס וועט ווערן.
איז אָנשטאָט, מיין קינד, דאָס טעלערל פון הימל,
איך שענק דיר א פשוטן שטערן...

פאַרביי פאַר מיין בליק איז די צייט

פאַרביי פאַר מיין בליק איז די צייט —
א הירש, וואָס לויפט דורך דורך אַ וואלד,
און ווי אויף אַן אָפּשיין פון ווייט,
איך קוק אויף מיין אייגן געשטאַלט.

ווי גערן איך וואָלט ביי א וועג
פאַרוואָרצלען זיך טיף, ווי א בוים.
נישט ציילן דעם גאַנג פון די טעג,
די שטערן צעפּינטלט אין רוים.

אַ האַלבער יאָרהונדערט פאַרביי,
איך שטיי איינעם לעבן אין מיט
און נישט אַרום פונדאַסניי
די לאַנג אויסגעטראָטענע טריט.

אַ נאַכט אזוי שוואַרץ און געדיכט
באַדעקט האָט מיין זיין אויף דער ערד.
דער אָפּגלאַנץ פון אמתן ליכט —
מיין אויג נישט געווען איז באשערט.

פאַרביי פאַר מיין בליק איז די צייט —
אַ הירש, וואָס לויפט דורך דורך אַ וואַלד.
מיין זון, וואָס גייט אויף און פאַרגייט,
געוואָרן איז מיד שוין און אַלט...

יוני 1955.

מעת־לעתן

מעת־לעתן מײַנע יונגסטע, אין צײַטן־לויף פֿאַרשװומען,
װי װאָלט איך אײך פֿון שאָטן צוריק אַרױסבאַקומען.
אַז נאָך אַמאָל א שװעב טאָן איר זאָלט פֿאַר מײַנע אױגן,
מעת־לעתן מײַנע שענסטע, װי פֿײגל דורכגעפֿלױגן.

מיט דער בײַטש פֿון לעבן, א ײִנגל אַ פֿאַרשײַטער,
איך האָב אײך, װי אַ סטאַדע, געטריבן פֿון זיך װײַטער.
אויף שפּילצײַג אײך פֿאַרשװענדעט, געבענטשט אײך און געשאָלטן,
איצט קומט איר בײַ מיר מאָנען א חוב אַ נישט באַצאָלטן.

מיט צױבערפֿארבן האָט איר מײַן חלום אָנגעצונדן.
דער חלום איז פֿאַרבליבן, די שײנקײט איז פֿאַרשװוּנדן...
א שװינדל־ראָד, די צײַט, זיך אויף מינוטן האָט צעבײטן,
און איך — אַן אָפּגענאַרטער — געבליבן בין אין מיטן.

מעת־לעתן מײַנע שענסטע, מיט צײַטן־שטויב באַװעבטע,
װי ליכטנדיקע פֿײגל דורך הימלען דורכגעשװעבטע.

דער אַלטער טשאַבאַן

(דערציילט פון א קאזאך)

דער אָדלער איז וואַכזאַם, די סאָווע איז בלינד,
דער הימל מיט נאַכט איז פאַרשוומען.
עס יאָגט אַ טשאַבאַן דורכן סטעפּ, ווי אַ ווינט,
און זוכט פון זיין סטאַדע אַ סימן.

ער יאָגט איבער בערג, איבער טאָל אויף זיין פערד,
לבנה צעגליט, ווי א שייטער.
ער רופט, נאָר עס ווערט נישט זיין רופן דערהערט,
זיין סטאַדע פון אים זיך דערווייטערט.

ער האָט זי נישט קיינמאָל, זיין סטאַדע, געציילט,
נישט זי, נישט די אייגענע יאָרן.
ער האָט אַ יאָרהונדערט פיר מאָל שוין געטיילט,
און זוכט פון די שאָף נאָך די שפּורן.

שוין לאַנג, זייער לאַנג, און געליבט איז אַללא
פאַר דעם חסד צום פאַסטעך דעם אלטן.
די כוחות, נאָך ווי ביי א יונגן ראלא *,
די אויגן אין קאָפּ נאָר באַהאַלטן.

עס יאָגט דורכן סטעפּ זיך אַן אַלטער טשאַבאַן,
אַ טאָג האָט מיט נאכט זיך געביטן.

---

* בחור.

ביז וואַנעט דערנעבן א פרישן קורגאַן
ער האָט אין א שטיין זיך פאַרביטן.

און אָפט עס געשעט, אַז ער שטייט אויף פון שלאָף,
זיין רופן מען הערט אין אַרומען.
ער פּאַשעט אַנטקעגן לבנה די שאָף,
ביז דער אָדלער אין הימל נעמט שווימען.

„אין חדש תחת השמש"

עס איז קיין נייעס נישט, מיין פריינד,
אזוי איז שוין די וועלט געבויט —
יעדער מאָרגן ווערט א היינט,
און נאָכן לעבן קומט דער טויט.

אַ נעץ, וואָס פאנגט, איז יעדער וועג,
און יעדער טריט — א שטרויכל־שטיין.
פאַרוואָס עס איז אַזוי — נישט פרעג.
און אפשר דאַרף אַזוי צו זיין?..

ליכט און שאָטן, היץ און קעלט,
מילדע רו און שטורעם־ווינט.
ברעכט זיך איין א בוים אין פעלד,
און א גרעזל בליט און גרינט...

און די צייט, ווי דורך אַ בראנד,
לויפט, און קערט זיך ווידער צוריק,
ווייל צוזאַמען, האַנט ביי האַנט,
גייט דאָס אומגליק מיט דעם גליק

אַלץ באַוועגט זיך, טונקלט, העלט,
פירט, און ווערט אַליין פאַרפירט.
און דער מענטש אין צענטער וועלט,
די באַוועגונג רעגולירט...

.1957 .7 .13

ווען איך וועל שוין נישט זיין

ווען קומען דער טאָג וועט, איך וועל שוין נישט זיין,
רעד וועגן מיר נישט נישט שלעכט און נישט גוט —
ווי וועסטו דען וויסן, מיין פריינד, און פאַרשטיין,
וואָס איך האָב געטראַכט אין דער לעצטער מינוט?

מיין פּנים וועט געל זיין, די אויגן פאַרמאַכט,
און אפשר גאָר אָפן, נאָר אָן שום פאַרלאַנג.
ווי וועסטו דען וויסן, ווען איך האָב געטראַכט
מיין לעצטן געדאַנק, אָן א קלאָרן געדאַנק?...

נישט בלומען — א בינטל פיאָלון פונעם פעלד —
זאָל ליגן צוקאָפּנס מיין אייביקער רו.
קאָן זיין, אַז מיין ליד אויף מיין ליכטיקער וועלט —
אַ פויגל וועט זינגען, וועט קראַקען א קראָ...

און אפשר אַ זילב, ווי פון ראָסע א טרער,
צעשפּרייטן זיך וועט אויף אַ בליענדער רויז
נאָך שווייגן וועל איך מיטן שווייגן פון ערד,
אַ גראָז אויף מיין בערגל וועט ציטערן בלויז.

ווען קומען דער טאָג וועט, איך וועל שוין נישט זיין,
טראַכט וועגן מיר נישט נישט שלעכט און נישט גוט.
פון לעבן פון גאַנצן איז אמתדיק ריין,
נאָר דאָס, וואָס די אייביקייט נעמט מיט זיך מיט.

10-טער יולי 1957.

א פונק פייער

מעכטיק איז דאָס פייער פונעם בליץ,
וואָס בכוח הימלען איז צו שפּאַלטן.
נאָר אַמאָל א קליינער פונקען־שפּריץ,
אונטער אש א בערגעלע באַהאַלטן,

אויפפּראלן קאָן פלוצלונג אין א פלאַם,
אין א שטורעם־שרפה זיך צעוויגן,
אַז נישט קלעקן זאָל א גאַנצער ים
וואַסער — אַזאַ פייער צו באַזיגן...

מעכטיק איז דאָס פייער פון דער זון,
און די פאַרבן־שפּיל פון רעגנבויגן.
נאָר דער מענטש — וואָס קומט אַרויס דערפון?
שעדלעך איז דאָס ליכט פאַר זיינע אויגן.

.1955

דאָס ליד

קאָלירפול און שיין איז דאָס ליד,
באַהויכט מיט דעם אָטעם פון לעבן;
דאָס ליד, וואָס אין האַרץ און אין בלוט,
זיך וועבט פון די דינסטע געוועבן.

רופסט אָן ביי דעם נאָמען דאָס פעלד,
אַ רוישן דערהערסטו פון זאַנגען.
דערמאָנסט דעם באַגין, ער צעהעלט
צוזאַם מיט דער זון אויפגעגאַנגען.

דעם מענטש רופסטו אָן, ער דערוואַכט
און שפּאַנט טריט ביי דיר דערנעבן.
ער האָט עס אין האַרץ דיינס פאַרטראַכט
דאָס ליד, דעם באַגלייט פונעם לעבן.

קאָלירפול און שיין איז דאָס ליד,
באַהויכט מיט דעם אָטעם פון לעבן;
דאָס ליד, וואָס אין האַרץ און אין בלוט,
זיך וועבט פון די דינסטע געוועבן.

.1954

אָרעמער פריינד

עס טריפן די ווערטער אַראָפּ פון דיין מויל,
ווי בלעטער פאַרוועלקטע פון בוים.
דיין פּנים איז בלאַס, אין די אויגן פול גרויל,
זיי נישטערן עפּעס אין רוים.

וואָס דריקט דיין נשמה און פּלאָגט דיין געמיט·
דערצייל מיר דעם אמת, מיין פריינד? —
דיין וואָרט האָט אַמאָל אויף די ליפּן געבליט·
ווער האָט עס אין שטומקייט פארשטיינט?

דו האָסט פון דיין קינדהייט א שמייכל געבראַכט,
ווי ריזלדיק וואַסער פון קוואַל.
אין העדער־געשווינדל פון טאָג און פון נאַכט
פאַרביטן ער האָט זיך אין גאַל.

צי האָט דיך אַמאָל נישט די זון אָפּגענאַרט,
א שטראַל מיט אַ שאָטן געשיקט?
דו האָסט אויף אַ שטערן פון הימל געוואַרט,
ער האָט אויסגעלאָשן דיין בליק...

איך זע: ווי אַ בלינדער דו שטייסט פאַר א וואַנט,
קיין צוריקוועג —פאַרויס נישט קיין שפּאַן.
האָסט לאַנג שוין געגעבן א מאַך מיט דער האַנט,
געזאָגט: „עס איז גאָרנישט פאַראַן״.

דאָך שיידן זיך וועגן אויף לינקס און אויף רעכטס,
און וועגן פֿאַראַן איז א סך.
דו שטייסט אין דער מיטן פֿון גוטס און פֿון שלעכטס —
ס'איז נייטיק צו געבן א טראַכט...

1956.

ווער וועט דערוועבן דאָס ליד?

דעם ליכטיקן אָנדענק פון משה בראָדערזאָן

ווער וועט דערוועבן דאָס ליד פון פאַרשטאַרבענעם דיכטער?
זיין אָרט, וואָס איז ליידיק געבליבן, פאַרנעמען וועט ווער? —
איך שטיי ביי דיין אָרון דעם אָפֿענעם, הייליקער נפטר,
פון וויי ווערט צעריסן דאָס האַרץ, דאָס געמיט אַזוי שווער.

געפּלאַצט האָט א סטרונע, פאַרשטומט איז די פידל געוואָרן,
ווער וועט אַ צווייטע פאַרציען אויף איר פונדאַסניי?
פון אַלטקייט די צייט האָט דעם דרך־הישר פאַרלוירן,
צוזאַמען מיט איר דורך דער וועלט איז דער דיכטער פאַרביי.

און אָבער ער איז פון די זינגער־אבלים פאַרבליבן,
באַטריפט זיין געזאַנג איז געוואָרן מיט טוי און געוויין.
ער האָט פון זיין פאָלק דאָס צעבראָכן געביין אויפגעקליבן,
כדי אויף דער ערד נישט צו בלייבן פאַראיינזאַמט אַליין.

ביז וואַנעט פון הימל עס האָט זיך זיין זון אָפּגעריסן,
אַ טאָג איז געוואָרן פאַרשטאַרט, מיט פאַרבראָכענע הענט,
בלומען און ליכט, ביי דעם דיכטערס צוקאָפּנס, צופוסנם —
אַ פערז פלאַטערט אום אין דער שטיל — ווערט אין פייער פאַרברענט.

פאַרשאָטנטע ביימער, צעוויגטע אין הארבסטיקן רוישן.
אַ פריש בערגל ערד, און דערנעבן — א טונקעלער שטיין.
אָ, זאָל דאָס געריש אין דעם דיכטערס געזאַנג זיך פאַרטוישן,
באוואכן זיין קבר, און אייביק פון אים נישט פאַרגיין!

.1956

אויף אַלע מיינע וועגן

I

אויף אַלע מיינע וועגן שטיל זיך צייכנט
דיין טריט, פון לייכטקייט קוים באַרירט די ערד.
דיין בליק, ווי הימל־בלוי אויף קלאָרע טייכן,
איך זע. דיין קול, ווי לעבעדיק איך הער.

דיין פּנים ליכטיקט דורך מיינע מעת־לעתן,
מיר דאַכט, דיין אָטעם פיל איך אַרום מיר.
מ׳זאָגט: אַ טויטער ווערן מוז פאַרגעסן.
פאַרוואָס פאַרגעסן קאָן איך נישט אין דיר?

נישטאָ דער טאָג, איך זאָל דיך נישט דערמאָנען,
כאָטש אין אייביקייט ביסטו אַוועק.
אין מיין צעוויטיקט האַרץ ביסטו פאַראַנען,
דו צייכנסט די פאָרויסן אויף מיין וועג.

ס׳איז ערב האַרבסט, די טיי־בלומען אין גאָרטן,
וואָס דו פלעגסט זיי האָבן אַזוי ליב,
אין בענקעניש אויף דיינע הענט זיי וואַרטן,
אַז מיט זיי באַצירן זאָלסט מיין שטוב. — — —

ס׳איז עמעץ היינט אַנטקעגן מיר געקומען,
ווי דו אַזאַ, איך האָב אין אים דערקענט,
און אויסשרייען געוואָלט האָב איך דיין נאָמען,
נאָר דערמאָנט זיך, אַז דו ביסט פאַרברענט.

אויף אַלע מיינע וועגן שטיל זיך צייכנט
דיין טריט, פון לייכטקייט קוים באַרירט די ערד.
דיין בליק, ווי הימל־בלוי אין טיפע טייכן,
איך זע. דיין קול, ווי לעבעדיק איך הער.

II

אז איך וועל דיך מער שוין נישט באגעגענען,
האָב איך דעמלט פאַרשטעלן זיך געקאָנט?
אויף דער ווייל געווען איז דאָס געזעגענען,
כאָטש נישט ווייט געווען איז שוין דער פראָנט.

דורך טרערן האָסט געבעטן ביים באַגלייטן מיך
צו שרייבן א פּאָר ווערטער, נישט פאַרגעס,
אין דער ערשטער רגע ווען דערשלאָגן זיך
וועסטו צו אַ שטענדיקן אַדרעס.

עס האָט די באַן געטראָגן זיך אין איילעניש,
הינטער איר די שטאָט האָט שוין געברענט.
פון פלאַם צו פלאַם געלאָפן אין צעטומלעניש
ביסטו מיט מיין קינד אויף דיינע הענט.

וויפל יאָרן שוין פון יענעם טאָג אַוועק,
און דאָרטן וואו צעשיידט כ׳האָב זיך מיט דיר,
קאָן זיין, פון לאַנג באַגראָזט געוואָרן איז דער וועג.
נאָר מיר דאַכט, דו וואַרטסט נאָך אַלץ אויף מיר.

דיין טאַטע האָט פֿאַרפֿלאַנצט אַ בוים

דיין טאַטע האָט פאַרפלאַנצט אַ בוים,
קוק זיך צו, מיין קינד,
ווי מיט אַלע כוחות אים
וויל אומוואַרפן דער ווינט.

רעוועט, וואיעט אין געצווייג,
ווילד אזוי ער בלאָזט.
נאָר די וואָרצלען אין דער ערד
דער בוים האָט שוין פאַרלאָזט.

און ער גאָלדיקט אינעם רוים,
עס איז זיין פרוכט געשמאַק.
היט, מיין קינד, דעם שיינעם בוים
פון אַ שונאס האַק.

דיין טאַטע האָט געבויט א הויז,
אויסגעמאָלט מיט זון,
קוק זיך צו, מיין קינד,
א שאָטן גנבעט זיך אהין.

ווי אַ גרויסע שוואַרצע שלאַנג
נעמט אַרום די ווענט.
נאָר דאָס הויז מאַסיוו עס שטייט
אויף זיין פונדאַמענט.

אַ הויז אַזאַ, מיין קינד,
ווי אין א מעשהלע דערמאָנט.
נאָר היט עס מיט דיין קלאָרן בליק
פן אונטערצינדערס האַנט.

נישט דערשאַצט

מיין פעלד האָב איך מיט שווערער מי געאקערט,
אויפגעגרינט אויף דעם עס האָט דאָס ברויט,
און צעווישן גרינעם זאַנגען־פלאַקער
איז אַ בלום פאַרגאַנגען זיך אין רויט.

איז א ווינט אין לופטן זיך צעשווומען,
ווילדע זוימען אָנגעברענגט, פאַרזעצט.
אויגן־בליק, זיי זענען אויפגעקומען —
כ׳האָב דעם ווילדן אנוווקס גרינגגעשעצט.

אָנגעהויבן וואָרצלען צו פאַרלאָזן
אַרום זיך, ווי פיסלעך פון א שפין.
און גיי דערקען א גראָז צווישן גראָזן,
בויגט דאָס גרינע קעפל צו דער זון...

ווען פאַר ווייץ, פאר קאָרן און פאַר בלומען
נישט געבליבן איז שוין באַלד קיין אָרט,
אויסראַטן האָב איך זיך דאַן גענומען
דאָס, וואָס כ׳האָב נישט גרינגשעצן געטאָרט.

אין בוך פון זכרון

איך בלעטער דאָס בוך פון זכרון,
אַ ציטער לויפט דורך דורך די פינגער.
די עלטער איז עלטער געוואָרן,
די יוגנט, ווי פריער, נאָך יינגער...

איך שטיי אין דער מיטן פוןביידע,
די צייט האָט געטיילט מיך אויף צווייען.
מיט איינס פון די ביידע זיך שיידן
וואָלט הייסן פון זיך זיך באַפרייען...

איך בלעטער דאָס בוך פון זכרון,
א ציטער לויפט דורך דורך די פינגער.
פאַרעלטערט די צייט איז געוואָרן,
נאָר איך בין, ווי פריער, נאָך יינגער...

וועק מיך אויף באַצייטנס טאָג

וועק מיך אויף באַצייטנס טאָג,
איך זאָל דיך נישט פאַרזוימען.
נאָר דיין שיין אין זיך פאַרמאָגט
די וואר פון מיינע טרוימען.

יאָרן לאַנגע איז מיין טיר
געשטאַנען פאר דיר אָפן,
נאָר עס איז דיין וועג צו מיר
מיט נאַכט געווען פאַרלאָפן.

איך באַגריס דיך ביי מיין שוועל,
און פון מיינע אויגן
קעגן דיר, מיין בליק איז העל —
אַ טויב אַרויסגעפלויגן.

אַ טונקעלער פלעק

ווען איך שרייב דיר די שורות, מיין פריינד,
איז לאַנג שוין די האַלב נאַכט אַוועק.
אין פענצטער עס האָט זיך צעשיינט
א טונקל צעשווומענער פלעק.

כ׳האָב עפּעס דיר זאָגן פאַרטראַכט,
א סוד דיר דערציילן געוואָלט.
נאָר עס האָט די צעוואַקסענע נאַכט
א בילד גאָר א צווייטס אויסגעמאָלט.

איך זיך דאָס פארשווומענע וואָרט
פארוועבט אינעם זייד פון א טרוים.
אַ שטערן זיך לעשט דאָ און דאָרט,
אַ שוידער גייט דורך דורך אַ בוים.

א שאָטן פאַרגייט און דערוואַכט,
כ׳האָב אַלץ דיר נאָך גאָרנישט געזאָגט.
ווייל אַנדערש עס טראַכט זיך ביינאַכט
און אנדערש, אין ליכט פונעם טאָג.

די וועלט אינעם שלאָף איז פאַרטיפט,
אין ראַנד הייבט אָן גרויען אַ ברעג.
פאַרענדיקט, מיין פריינד, כ׳האָב די בריוו
אויף דער שפראַך פון אַ טונקעלן פלעק...

.1956

אַ תפילה צום גורל

גורל מיינער — פיר מיך נישט אויף יענע וועגן,
ווו פון יעדן טראָט גרינט אויף פּאַראַט,
דאָרטן הייבן דעמבעס אָן צו פוילן
און ווערעם וויקלען זיך אין זייער בלאַט.

גורל מיינער — איך וויל זיך צו קיין דעמב נישט גלייכן,
אים געקרוינט האָט דאָך דער גאַנצער וואלד
און געטראַכט האָט ער, נישטאָ זיינס גלייכן —
נאָר וויי צום דעמב, וואָס ברעכט זיך איין, און פאַלט.

גורל מיינער — היט מיך אָפּ פון יענע ריזן,
וואָס ווערן פּלוצלונג ווי אַ קאַרליק קליין,
האָסט ביז היינט מיר נישט דעם וועג באַוויזן,
אויסגעפינען אים איך וועל אַליין.

און אויב אַ שטורעם קומען וועט אַנטקעגן,
און פינצטערניש פון ראַנד וועט טאָן אַ שפּאַר,
דורך דעם נעפּל כ׳וועל מיין שיף באַוועגן,
און נישט בייגן זיך פאַר דער געפאַר.

מיט די לעצטע כוחות שווימען, שווימען,
וואָס עס וועט געשען, טאָ זאָל געשען...
ביז די זון וועט מיר אַנטקעגן קומען,
און אין איר שיין איך וועל זיך צריק דערזען.

נאָר פיר נישט, גורל, מיך איף יענע וועגן,
ווו „ווילזעעוודיקע״ ווערן בלינד,
און קרייזן בלינדערהייט, און זיך באַוועגן
אין וועלכער זייט עס טוט אַ בלאָז דער ווינט.

אַ דעמב

ווער ווייסט וויפל יאָרן אזוי דאָ ער שטייט,
מיט מעכטיקע צווייגן צעשטרעקט אין דער ברייט,
מיט וואָרצלען פארשלאָגענע טיף אין דער ערד,
און וויפל נאָך שטיין אים אזוי איז באשערט?

איך ליג אין זיין שאָטן און מעסט מיט מיין בליק
זיין ריזיקן שטאם אין דער הויך, אין דער דיק.
נישט איינער שוין דאָ האָט זיין קאָרע פארשוועכט,
מיט צייכנס געקריצט אין ראָמאנטישע נעכט...

די צייט איבער אים ציט זיך לאנגזאם פארביי,
מיט זונען און שטערן, מיט וואָלקנס פון בליי
און ער — אויף דעם באָדן ער שטייט אזוי פעסט,
מיט שטורעם, מיט דונער און בליץ אין פארמעסט.

ווען איך וואָלט פארשטאנען די דעמבישע שפּראך,
דערוווסט וואָלט איך סודות פון אים זיך א סך:
פון דעמלט, ווען ר׳איז נאָך אַ צווייגל געווען,
אין חלום די ציין פון קיין זעג נישט געזען.

און ווער אים געפלאנצט האָט, פון וועלקן און ווינט
מיט הענט, מיט געטרייע, געשיצט ווי א קינד.
און ווען ר׳האָט די בלעטלעך די ערשטע דערפילט,
מיט זיי אינעם קרייז פון דער זון זיך צעשפּילט.

ער מורמלט — קאָן זיין אים געוואָרן איז ענג
צווישן בעריאָזעס און שטיינערנע בענק.
ער בויגט זיך אריבער דעם וועג, ווי געפעלט
עס וואָלט אים די ברייטקייט די פרייע פון פעלד.

װען װערן דער רוים פֿון זײַן קרױן װעט באַפֿרײַט,
און שימלען צופֿוסנס זײַן פּיען װעט די צײַט,
דערצײלן עס װעט יעדער קרײַז אױף זײַן פּלאַך
פֿון יאָרן פֿון גוטע און שלעכטע א סך.

נאָר לעבן עס װעלן די װאָרצלען אַרום,
און לעבעדיק ציען זיך אַלץ נאָך צו אים.
און קומען א יאָר װעט, א יאָר װעט פֿאַרבײַ,
א דעמב מוז געבוירן א דעמב פֿונדאָסנײַ...

יולי, 1956.

נישט פאַרשטעל פון מיר דאָס ליכט

נישט פאַרשטעל פון הימל מיר דאָס ליכט,
הענג נישט אויף קיין פאָרהאנג אויף מיין פענצטער,
כ׳האָב א ווייטן שטערן אויפגעזוכט,
אין דער שטערן־וועלט דער סאמע שענסטער.

פון דער הויך געטאָן האָט ער אַ פאל,
אָבער פאלנדיק זיך נישט צעשאָטן
און געבליבן איז נאָך אים א שטראל,
וואָס פארטונקלען קאָן אים נישט קיין שאָטן.

איינגעפעדעמט אין מיין נאָדל־בליק
האָב איך אים — נישט גיין זאָל ער פאַרלוירן.
אין מיין הימל לייכטן וועט ער צריק,
וויפל צייט עס זאָל נאָר נישט געדויערן.

נישט פארשטעל פון הימל מיר דאָס בלוי,
נישט פארהענג מיין פענצטער מיט גארדינען,
דורך געדיכטן וואָלקנדיקן גרוי,
מיין שטערן וועל איך ווידער אָפּגעפינען.

מן המצר

זאָל קיינער נישט וועגן מיין פּיין אויף דער וואָג,
עס איז אַזאַ וואָג נישט פאַראַן אויף דער וועלט;
אין שטויב מיטן פּנים זיך וואַלגערט מיין טאָג —
ווי א דאָרן איך שטיי אין א בליענדיק פעלד.

אין אייביקן געטלעכן פייער איך ברען,
ביז היינט נאָך עס האָט מיך דער פלאַם נישט פאַרצערט,
נאָר גערן איך בין נישט אין ערגעץ געזען,
מיין שורש עס וויל נישט פאַרטראָגן די ערד.

אין ווייטע חלומות שווימט אַלץ מיין געדאַנק,
ווי טראָפּנס פון סם טריפט די וואָר אויף מיין קאָפּ;
ווען טונקלען עס נעמט אויפן ראַנד דער פאַרגאַנג,
א שטערן — מיין טרער — פאַלט פון הימל אראָפּ.

אַ פֿישער־שיף

פֿאַרצויגן די מאַסטן, פֿאַרגרייט שוין די נעצן,
די זון, אַ צעפּלאַמטע, הייבט אָן זיך צו זעצן.
מיט העלישע פֿלאַמען דער טייך איז פֿאַרגאָסן,
אויף ווייטן צעשפּילט זיך דער בליק פֿון מאַטראָסן.

די ברעגעס פֿאַרגייען, דאָס וואַסער ווערט ברייטער,
עס שלאָגן די כוואַליעס פֿאָרויס ווי באַגלייטער.
מיט שקיעה אויף פֿליגל עס טראָגן זיך מעוועס,
פֿון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ דומפּיקער רעווען.
אַ טונקעלער רויך לעזט זיך אויף אין די רוימען,
עס זעט זיך אַרויס נאָך אַ ווייס־רויטער קוימען.

אַ טונקעלער דאַמפּער מיט ווייטקייט פֿאַרלאָפֿן,
דאָס אויג פֿון אַ ים־לאַמטערנע איז אָפֿן.
דער הימל, פֿון כוואַליעס צעפּליעסקעט, ווערט גרינער,
אַ גליקלעכן פֿישפֿאַנג אייך, פֿישער שטשעטשינער!

רחלע

בײג נישט, קינד, פון מיר דײן קאָפּ אַװעק,
פאַר מײן בליק. דו דאַרפסט זיך נישט שעמען
מיט דעם סאַמעט־גלאַנץ פון דײנע צעפּ,
מיט דעם װײכן זײד פון דײנע ברעמען.

לאַנג מיר איז דײן פּנים שױן באַקאַנט,
און מערער װי דאָס פּנים נאָך — דײן נאָמען.
איך קוק אויף דיר, דײן שמײכל מיך דערמאָנט
א בליענדיקע בלום צװישן בלומען.

עס האָט װי דו אַ בלום אַזאַ, מײן קינד,
מיט יאָרן צוריק צעבליט זיך אין מײן גאָרטן,
און געקומען איז א שטורעם־װינט,
פאַרדאַרבן און פאַרטראָגן איר פון דאָרטן.

װי די זון אין יעדן מאָרגן־פרי,
ליכטיק איז איר פּנים אויפגעגאַנגען.
קאָן זײן — אַ פרײדיקע, אזא װי דו,
אין אַכטן קלאַס אַצינד װאָלט זי געגאַנגען.

איר אָנדענק שטראַלט זיך דורך דורך מײנע טעג
און נעכט — זי גײט מיר נישט אַרױס פון זינען.
בײג נישט, קינד, דײן קאָפּ פון מיר אַװעק,
איר ענלעכקײט אין דיר האָב איך געפונען.

3 אַפּריל, 1955.

שטורעם

דעם רודער האלט פעסט, קאפיטאן!
פון אויג זאָלסט דעם וועג נישט פארלירן,
דער ים איז דאָך פול מיט געפאר,
אין אָפּגרונט ער קאָן דאָך פארפירן.

אויף שוימיקע בערג שפרייזט דער ים,
מיט שטורמישע פאַליעס צעפלאַטערט.
דעם רודער האלט פעסט, קאפיטאן,
נישט ווער אויף קיין רגע פארמאטערט.

כאָטש ס׳איז דיר דער באלטיק באקאנט, —
אויך דאן ווען ער רוט אין די בלויען,
דעם רודער האַלט פעסט, קאַפיטאן,
דער סטיכיע מען קאָן נישט געטרויען.

עס ווירבלט און רעוועט די לופט,
פארפינצטערט עס ווערן די רוימען,
און ווילד ווארפט דער שטורעם דיין שיף,
און רייסט בינטן האָר פון איר קוימען.

דעם רודער האַלט פעסט, קאַפיטאן,
נישט ווייט שוין עס זענען די ברעגעס.
עס איז קיין געפאר נישט פאראן
פאר דעם, וואָס ער ווייסט ווו זיין וועג איז.

1 יאַנואַר, 1956.

אין פלאָנטער פון חלום און וואַר

I

אין פלאָנטער פון חלום און וואָר,
די מידקייט דערטליעט, גייט אויס,
אַ קינד מיט באַפראַסטיקטע האָר,
פון נאַכט-טונקל פלאַטערט אַרויס.

ער שטעלט אין דער טיר זיך אַוועק,
אַ דורכזיכטיק-בלייכער סקעלעט —
אַרום אים עס שוידערט די שרעק,
באַהאַפטן מיט שטומען געבעט.

ווער ביסטו, דערצייל מיר, מיין קינד,
ווו איז דיין געלעגער, דיין היים —
וואָס שטעסטו, זאָג מיר אַצינד,
אַרום אין דער נאַכט דאָ געהיים?

ווו האָט דיך דיין לעצטער פאַרטאָג
אויף וואגל און אומקום פאַרלאָזט? —
און וואָס פאַר אַ סטעזשקע, מיר זאָג,
דיין טריט האָט דעם לעצטן באַגראָזט?

II

האַלב-טאָג — מיט אַ צלם באַשוואַרצט —
געקלימפּערט דער טויט האָט פאַרביי.
געפּלאַצט פון דער זון האָט דאָס האַרץ,
אין ווירבל פון רויך, און פון בליי. —

דער טויט איז דעם לעבן באַפאַלן,
ער טראָגט זיך אויף יעדערן וועג,
א מאַמע אַנטלויפט, און זי פאַלט —
ווי אַ בוים, אונטער ציין פון דער זעג.

איר בלוטיק צעשויבערטער קאָפּ,
זיך אויסגעקרומט האָט אויף אַ זייט;
זי קוקט שטאר צום הימל ארויף
מיט אויגן צעעפנטע ברייט.

די רויטקייט פון אָוונט דערברענט,
אין איר שוין פאַרגלעזערטן בליק,
אַרום אירע וואַקסענע הענט,
זיך קלאַמערט נאָך לעבן א שטיק.

עס נאָרעט אַ פּנים זיך איין
אין איר אומבאַוועגלעכן גוף,
א שטיל און צעצויגן געוויין,
באַוועבט ווערט מיט סאַמעט פון שלאָף —

דער שטויביקער בלוטיקער טראַקט,
אין וואַלדיקן טונקל צעלויפט,
לבנה, א גלאַנציקע האַק,
אין האַנט פון אַ מערדער גייט אויף — — — —

III

נאָר פלוצלינג, די נאַכט לעשט זיך אויס,
א ליכט אַזוי העל זיך צעברענט, —
א קוסט נאָך אַ קוסט טרעט אַרויס —
זיי נעמען זיך אָן פאר די הענט.

מיט קרויזן, אין בלאָנדענע צעפּ,
מיט אויגן אין פריילעכן גלאַנץ,
געטוליעט צו זיך מיט די קעפּ
עס דרייען זיך קינדער אין טאַנץ.

א פֿאַרביקער ראָד זיך באַוועגט,
באַרויטלט מיט בלימעלעך פֿיל —
א קינד הייבט זיך אויף פֿונעם וועג
און פֿלאַטערט אַריין אין דער שפּיל.

זיין פּנים צעשטראַלט איז פֿון גליק,
זיך אָנשפּילן וועט ער צו זעט,
און נאָכדעם אין שטוב אַריין צוריק,
צו מאַמען, — צום וואַרעמען בעט —

און ס׳דרייט זיך דאָס ראָד און זיך דרייט,
אַלץ העכער אַרויף און פֿאַרשווינדט,
— — — —

אַ ווילדער געבייזער, געשריי,
ווי ערגעץ געבילט וואָלטן הינט;

אַ ריטשע, א שליידער, א קנאַל —
און שטילקייט בלייבט איבער נאָר בלויז,
אין אָפּגרונט די וועלט זיך צעפֿאַלט,
און אַלץ מיטאַמאָל לעשט זיך אויס.

IV

עס שוידערט ארויס דער פֿאַרטאָג —
אַ קינד — א פֿאַרבייגלטע קנויל,
און „מאַמע״, וואָס ר׳האָט נישט דערזאָגט,
מיט בלוט טריפֿט אַראָפּ פֿון זיין מויל.

זיין לעצט נישט־דערשריגן געשריי,
אויפֿגעכאַפּט אויפֿן פֿעלד האָט דער ווינט, —
זיין וווּנד, וואָס אים טוט שוין נישט וויי,
זיין נאָמען געהייליקטער — ק י נ ד.

אין פֿלאַנטער פֿון חלום און וואָר,
איך זע אים נאַכט־איין און נאַכט־אויס,
אַרום זיינע קאַרגע זעקס יאָר.
ער וואַקסט צוריק פֿון קבר אַרויס.

מערץ, 1955.

אונטער דער גאָרקע*

(צום 15־טן יאָרצייט נאָך די קאָוולער יידן)

„מארבע רוחות באו הרוח, ופחו בהרוגים האלה“
(יחזקאל)

אַ קילע לבנה אויף בערגלעך מיט ליים,
אין אויג פון א שטערן א טרער טוט א ברי.
אָט דאָ איז זי, קאָוולע, די שטאָט פון מיין היים,
פאַרקלעמט אין די אָרעמס פון אייביקער רו.

אָט דאָ אויף דעם אָרט האָט די ערד זיך געוויגט
אין יאָר צוויי־און־פערציק אַ נאַכט מיט א טאָג.
געכליפּעט האָט דעמלט דער הימל מיט בלוט,
דער ווינט אין דער לופט ווי א קינד האָט געקלאָגט.

א בוים פאַר דער צייט האָט שוין וואָרצלען צעלאָזט,
צעפירט דאָ די טונקל־באַבלעטערטע הענט.
צווישן פארוויאנעטן מאָגערן גראָז,
אַ בלימעלע רויט, ווי א יאָרצייט־ליכט, ברענט.

א פארכטיקע שטילקייט דעם אָטעם פאַרהאַלט,
א קרא ווען נישט ווען טוט א פלאַטער יאַראָפּ.
מיט יעדן טאָג מערער די ערד זיך צעשפּאַלט,
עס טויכט אויף פון דאָרטן א מענטשלעכער קאָפּ.

---

* דאָס אָרט, וו די קאָוולער יידן זענען אומגעבראכט געוואָרן.

א קאָפּ פון אַ מענטש מיט צעשטשירעטע ציין,
וואָס בייסן זיך איין אינעם האַרץ פון דער וועלט.
אויף ווידער ער וויל אינעם לעבן אַריין,
ער בענקט נאָך זיין גוף, א פאַרפוילטן אין פעלד.

דורך לעכער פון אויגן ער טונקלט אין ווייט,
א חלום גייט אויף אויפן שטראָם פון זיין בליק.
פאַר אים טויכט אויף ווידער אַרויס יענע צייט, —
דער אייגענער טאָג פון מיט יאָרן צוריק:

II

דער מלאך־המות אין ווילדן געיעג,
מיט טויט אויפן אָרעם, באַטשוועקלטן טראָט,
פון פריען באַגין אָפּגעצוימט יעדער וועג,
נישט קיין אַריין, קיין אַרויס פון דער שטאָט.

די הייזער פאַרזיגלט, די פענצטער פאַרמאַכט;
„די הענט אין דער הויך” און פון מויל נישט קיין וואָרט
פון הינט און פון האָרענע קעלנער אַ וואָך,
א ריטש, א באַפעל זיך צו רירן פון אָרט.

און גופים צו גופים צוזאַמענגעדרענגט,
ווי אייגער וואָלט וועלן אין צווייטן אַריין.
פאַרבלוטיקטע מיילער, צעבראָכן געלענק
און עמעצער פאלט שוין נישט מער אויפצושטיין.

און בליציקע רויכלעך צעשפּיגן מיט בליי,
דער טויט איז פון פאָרנט, פון הינטן, פון זייט.
א גאַס דורך אַ גאַס לויפט משוגע פאַרביי,
דער גרינער „סאָבאָר” — צו דער גאַרקע נישט ווייט.

III

מיט בלוט הייבט אָן ברענען דאָס ליימיקע פעלד,
א לעצטער געשריי שלאָגט אין טויבקייט זיך אָפּ.

צופוסנס דער גארקע געקעפּט ליגט די וועלט,
די ערד נעמט זיך רירן אַרויף און אַראָפּ.

אין לופט זיך צעצאפּלט אַ קולכל דין
און פאַלט אויפן דנאָ פון א גרוב, ווי א שטיין.
א שנירעלע רויטס פון א מיילעכל רינט,
אין כארכל פאַרגייט זיך א לעצטער געוויין.

דער הימל צעלעכערט פון קולות און שרויט,
בלייבט הענגען אין צויטן צוקאָפּנס דעם וואַלד.
אַ זיגער גייט אום אויף דער גארקע דער טויט,
א האקנקרייץ צייכנט זיין גרויליק געשטאַלט.

IV

אויףליידיקע גאסן א שטילקייט איז היינט,
דאָס פּנים אין אש האָט באהאלטן דער טאָג.
די זון, ווי א זקנה, האָט פרום זיך צעוויינט
און קדיש נאָך קאָוולע דער שטאָט אָפּגעזאָגט.

א וואָלקן א שׂרפה צום אָפּהאנג דערקריכט,
אויף פעלדער א גרויקייט א פייכטע זיך שלייכט.
צוקאָפּנס די טויטע געצונדן האָט ליכט
די שקיעה — אין לייכטער פון טוריע דעם טייך.

אן עדה אַ גאנצע צו קבורה געבראכט,
מיט נעפּל באקיטלט, פאראבלט און שטיל,
אַזוי האָט די ערשטע אשמורה פון נאַכט
זיך שבעה געזעצט ביי דער טיר פון דער שול.

V

ווען עס לעשן אויף מערב די זונען זיך אויס,
צו טויטן מיט דערנער באַוואָקסענעם טאָל,
שווימט די לבנה — א שארבן — ארויס.
און ציילט דאָס געביין, אכצן טויזנט אין צאָל.

און ווער וועט באפעלן דאָס הייליקע אָרט
צו קומען מיט לעבן צוריק אין באריר? —
באשימלט מיט צייט איז פון נביא דאָס וואָרט,
דערשטיקט איז דער אָטעם פון ווינטן פון פיר.

און ווער האָט געזאָגט, אז דער ווייטיק פארגייט,
אז אלץ, וואָס עס דעקט צו די ערד זיך פארגעסט?
דאָס בלוט פון מיין שטאָט שלאָגט זיך דורך דורך דער צייט
און ריזלט אין הארץ פון מיין יעדן מעת־לעת.

ס'וועט קומען אַ דור און אַ דור וועט אַוועק,
פארשווינדן דאָס בייז פון דער וועלט וועט, קאָן זיין,
נאָר אונטער דער גארקע וועט בלייבן א פלעק,
און קיינמאָל פון אונטער דער זון נישט פארגיין.

ווי קאָן איך דען שווייגן

ווי קאָן איך פאַרגעסן די יאָרן פון שרעק,
ווען איך קוק אויף די ביימער אין פרילינג צעבליטע
און זע פאַר מיין בליק יענע גרוויליקע טעג,
ווען עס האָבן זיך צווייגן אין תליות פאַרביטן.

ווי קאָן איך דען גלייכגילטיק בלייבן אצינד,
ווען אין מערדער־האַנט קלימפּערט דאָס שרעקלעכסטע וואָפן
געצילט קעגן לעבן פון מאַמע און קינד
און אַנטקעגן מיין ווונד, וואָס ביז היינט איז נאָך אָפן.

ווי זאָל איך דען רוען, ווען טאָג־איין טאָג־אויס
דער שונא טויכט אויף אין מיין וואַכן זכרון,
ווו ער האָט אין קבר פאַרביטן מיין הויז
און געלאָזן אין אים זיינע בלוטיקע שפּורן.

פאַרשווימען עס וועלן א יאָר נאָך אַ יאָר,
פאַרגעסן אויף אייביק וועט ווערן זיין נאָמען,
נאָר טליען וועט אַלץ נאָך דאָס אש פון מיין דור,
דורך זיין האַנט, דער פאַרשוואַרצטער פון בלוט, אומגעקומען.

ווי קאָן איך דען שווייגן, ווען ווידער די נעסט
פון ווילדע פאַרברעכער איז פול מיט תליינים —
זאָל הערן די ערד מיין געשריי פון פּראָטעסט
קעגן שאָטן פון טויט איבער מענטשן מיליאָנען!

אַן ענטפער...

I

בלענד מיר נישט די אויגן מיט דיין שמייכל,
וואָס זיין זין נישט שווער איז צו פארשטיין,
קרום איז ער, ווי קרום עס איז דיין שכל,
פאלש איז ער, ווי פאלש דו ביסט אליין.

ניין — עס וועט דיר קיינמאָל נישט געלינגען,
צווייפל איינצופלאַנצן אין מיין האַרץ,
ווי ביז איצטער ווייטער כ׳וועל באַזינגען,
נאָר דאָס ליכט, און נישט דאָס, וואָס איז שוואַרץ.

כ׳האָב זיך מיט דער נאַכט אין קאַמף פאַרמאָסטן,
און ווייס, אַז שווער דער קאַמף איז נאָך גענוג,
כּוחות וועלן פיל, קאָן זיין, נאָך קאָסטן,
נאָר ענדגילטיק זיין וועט דאַן דער זיג.

II

ס׳איז מיין וועלט אין פינצטערניש געלעגן,
דורות־לאַנג נאָך ליכטיקייט געגאַרט,
און דורך אַלע וועגן און אומוועגן
האָט אַ גרויסער טאָג זיך דורכגעשפּאַרט.

אָט דעם טאָג, פאַרטונקלען ביסטו אויסן
מיט דיין וואָרט, וואָס גאַווערט פון דיין מויל,
פרווו זיך נישט, וועסט ביטער זיך אַנטוישן,
דיינע ווערטער קלינגען פוסט און הויל.

אויב א צווייג האָט אָנגעהויבן דאַרן
אויף א בוים, מיט פרילינג־צוויט באַצירט,
א צווייג אַזאַ, מ׳דאַרף אָרונטערשניידן,
און דער בוים וועט בלייבן נישט געריִרט.

אויב געלעסטערט דאָך האָט ווער מיין גלויבן
און דעם אמת לאַנג מיט זיך פאַרשטעלט,
מיט נייע כוחות וועל איך זיך דערהויבן
צום מענטש, וואָס איז דער צענטער פון דער וועלט.

אַפּריל, 1956.

וגר זאב עם כבש...

אויף וועגן פון אחרית הימים,
אין זאמדיקן מדבר פון צייט,
איך הער פון דעם נביא דאָס קומען,
איך זע פון זיין טרוים דעם באשייד.

מיט שטראָף־רייד און טרוקענע לאָגלען,
ער לאָזט פון די בערג זיך אראָפּ,
מיט ווינט אין די אויגן פון וואָגלען,
די האָר אויסגעפּליקט פון זיין קאָפּ....

ווייל שווער פון דעם נביא דער וועג איז,
אין וואנדער דורך שטאָק און דורך שטיין —
דורך שטרויכלונג צו אונדזערע ברעגעס,
ער וועט מיט זיין אמת דערגיין.

און מעכטיק עס וועט זיך צעטראָגן
אויף וויטן זיין וועקנדיק קול,
וו נאכט איז, וועט אָנהייבן טאָגן,
אַ פרידן וועט הערשן אין טאָל.

אַ קינד וועט מיט לייבן און בערן,
מיט לעמפּערטן לעבן ביינאנד;
דער וואָלף וועט דעם שעפּעלע גערן
אויף שלום דערלאנגען אַ האנט...

און רוען ער וועט שוין אַ זאַטער,
בישט לאָקן פארטייעטערהייט.
דערווייל איז זיין האנט נאָך א לאפּע,
מיט נעגל צו וואַרפן זיך גרייט...

מאַי, 1956.

אַ קאַקטוס־בוים

פון אונטן דער הימל, פון אויבן די ערד,
און דו — אַ צעצווייגטער אין מיטן,
ווער ס׳האָט דיך פון בליץ און פון שטורעם געווערט,
דער זאָל פון דער זעג דיך פאַרהיטן.

ווער ס׳האָט דיך געפלאַנצט דאָ, ברוינהויטיקער בוים,
מיט ביימער דיינס גלייכן צוזאַמען,
דער זאָל פון דער זעג דיך פאַרהיטן.
פון פיקהעלצער שוואַרצע און פלאַמען.

ווער ס׳האָט דיך געפלעגט, ווען געווען דו ביסט קליין,
צעפּעכערט מיט נאָדעלעך גרינע,
דער זאָל נאָך אַצינד דיין אַמאָליקן חן
אין דיין האָלצערנעם בלוט אָפּגעפינען.

— — — — — — — —

פון אויבן דער הימל, פון אונטן די ערד,
און דו — אַ פאַרדאַרטער אין מיטן.
פון וואָרצל, וואָס האָט נאָך דיין קינדהייט געגנערט,
די צייט האָט, מיין בוים, דיך פאַרשניטן.

25 יולי, 1958.

מײַן טאָג

איך שטײ בײַ דײַן צוקאָפּנס,
די שקיעה — אַ נשמה־ליכט —
צאַנקט בײַ דײַן פֿאַרגײן.
איך װײס,

אַ צװײטער מאָרגן אױף דײַן אָרט װעט קומען,
אַ ליכטיקער,
נאָר דו, מײַן טאָג, מײַן הײַנטיקער,
װעסט מער נישט זײַן. — ,

4 אױגוסט, 1958.

סוף זומער

ווי בעטגעוואַנט פון זילבער ליגן וואָלקנס אויף די ראַנדן,
אַ מידער טאָג אין גאַנצער לענג אויף זיי איז אויסגעצויגן,
און איבער אים אַ קליינע זון מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן
שפּיזלט אויס מיט נאָדל־שטראַלן טיולענע גירלאַנדן.

אין מאַטער געלקייט רוען פעלדער, האַרט די קעפּ געשוירן,
און שעהן מיט פאַרטריקנט גראָז בהמות מעלה־גרהן.
עס דאַכט זיך, אַז אין קיאישער פאַרטראַכטקייט זיי באַקלערן
די וועלט, וואָס דער באַשעפער האָט אין איילעניש פאַרלוירן.

אַ זשומעניש, אַ צוויטשערן וועקט אויף פון שלאָף דאָס שווייגן,
וואָס הילט אַרום די וועלדער, ווי מיט מוטערלעכן אָרעם,
אַ ברייטער דעמב פאַרוואָרצלט ביי אַן אָזיערע אַ קלאָרע,
טרייבט אַוועק אַ ווינטל פון די דרימלענדיקע צווייגן.

די שקיעה מיט אַ רויטן בעכער ווייַן די וועלט געזעגנט,
אויף ווייטע קלויסטער־שפּיצן איז דער הימל אָנגעשטאָכן,
איבער אַלע וועגן זענען שאָטנס זיך צעקראָכן,
און פייכטע ריחות גייען אויף פון זומפּן אָפּגעלעגן.

8 אויגוסט, 1958.

אין אַ ווייטן יאָרהונדערט

אויף וועגן אונטער מיר פאַרבליבענע
וועלן יאָרן אויף דער עלטער,
ווי שלאַנגען איינגעדרייטע, רוען
אַנטקעגן אייביקן הימל
מיט שטערן־כתב באַשריבענע.

וועט די צייט, אין ווילדגראָז אַ פאַרלוירענע,
איר שפּינוועבס־פעדעם ווייטער ציִען
איבער ליידיקייטן גרויע
פון פאַרגאַנגענע וועלטן
און ערב ניי־געבוירענע.

וועט עמעצער פון אַ ווייטן יאָרהונדערט
די ערד פון פאַרשטיינערטקייט צעגראָבן,
און שפּורן פון געוועזענעם געפינען
פאַר מוזעאַלע וווּנדער.

— — — — — — — —

און דור צו דור וועט איבערגעבן
ווי „טיף” עס האָט אַמאָל געגרייכט דאָס לעבן...

9 אויגוסט, 1958.

אויב...

אויב עס איז א פונק פון גאָט פאראנען
אין האַרץ ביי מיר, אין יעדער מיין נטיה,
און אין מיין מויל זיין רוח הנביאה,
ווי זשע קומט דאָס ביז צו מיר, פון וואנען? —

ווער־זשע האָט פארפלאנצט אין מיר דאָס שלעכטע,
וואָס פּעלבלט זיך אין זיידנס פון א שמייכל,
און אויף אונטערוועגן פון שכל,
כ׳בין אליין דער שקר און זיין וועכטער? —

ווער־זשע האָט פארגרייט פאר מיר תהומות,
וואָס לויערן מיך איינצושלינגען גרייטע,
און אָפּגעדעקט מיראזשן פעלדער ווייטע
פאר מיר, דעם אָפּגענארטן בעל־חלומות? —

אויב אַ פונק פון גאָט אין מיר עס טליעט,
איז גרויס מיין זינד אנטקעגן אים באגאנגען.
ווען גאָט אליין האָט מענטשלעכע נטיות, —
איז וואָס־זשע קאָן מען פון א מענטש פארלאנגען?...

10 אויגוסט, 1958.

אין מיטן לעבן

מיין שטח וועלט איך האָב נאָך נישט אדורכגעמאָסטן,
און נישט דערגרייכט נאָך צו „הבל־הבלים".
אין מיטן לעבן דרייסט איך שטיי ווי אויף א פּאָסטן
צווישן הארטע וואָר און שענסטן חלום.

נאָך נישט פארנעפּלט איז דער בליק אין מיינע אויגן
און נישט באַדעקט מיט שטויב פון יאָרן הארבע.
אין הימל־ראנד עס גליט נאָך אלץ מיין רעגנבויגן
מיט אלע זיינע נישט פארוועלקטע פארבן.

מיט יונגן גרין פון מיינעטוועגןביימער רוישן,
און שלאנק ווי פריער רויטלט זיך דאָס קאָרן־בלימל,
עס איז מיין זון פון גלויבן נאָך נישט אויסגעלאָשן
און נישט צו דער ערד געפאלן איז נאָך דער הימל.

אין טיפע רוימען בשורה־טויבן ווייסע פליען,
און פלעדערמייז מיט שווארצן שווונג און קורצן אָטעם.
כ'בין ווידער וואך, און נארן וועט מיך נישט מיין ראיה,
וואָס דרינגט אדורך צו מאָרגן־ליכט דורך בייזע שאָטנס.

מיין שטח פעלד איך האָב נאָך נישט אדורכגעמאָסטן,
און נישט דערגרייכט נאָך צו „הבל־הבלים".
אין מיטן לעבן דרייסט איך שטיי ווי אויף אַ פּאָסטן
צווישן הארטע וואָר און שענסטן חלום.

11 אויגוסט, 1958.

די רויז

שענק מיר דיינס א בלעטל, שיינע רויז,
און ווען דעם גאָרטן וועט אַ קאַלטער שראָן באַדעקן,
ווידער אויפגיין וועסטו אין מיין הויז.

און דער כישופדיקער אראָמאט,
ווי אין שענסטע טעג פון בליען,
ווידער וועט באזאפטיקן דיין בלאט.

נאָר די רויז האָט שטום איר בלאָנדן קאָפּ אראָפּגעלאָזן,
און אירס א טרער האָט אויפגעזילבערט אין די גראָזן.

אפשר דערפאר, וואָס אזוי איז די טבע פון בלומען,
אַז אומבאמערקט זאָל בלייבן זייער נאָמען,
און ס׳קאָן אויך זיין דערפאר,
וואָס אויף איר גרינער הויט
דערפילט האָט זי אין מיין פארלאנג —
די האנט פון טויט.

12 אויגוסט, 1958.

אַ שטערן...

פאלט צו מיינע פיס א שטערן,
רעדט די וועלט אויף שטערנדיקער שפּראך
דורך גרינע ליכט און בלויע טרערן —

א פלעדערמויז מיט שארפע פליגל
פלאָנטערט זיך אין שווארצע האָר פון נאַכט,
די שטילקייט שפּילט א טרויער־ניגון.

און שווארצע סטאדעס שאָטנס קריכן,
טוליען זיך דערשראָקענע צונויף,
פארבאָרגעניש פון זיך צו זוכן.

אינעם קאָסמאָס אויפגעפּראלטן
קלאָר, די ליידיקייט ליגט אויבן אויף,
ווו וועט זיך מיין געדאנק פארהאלטן?...

ווו זענען זיי, די הימלען זיבן? —
אין א מיטן נאכט, —
אָן א הימל איז די ערד פארבליבן...

14 אויגוסט, 1958.

מיין עמוד־אש

(„ולילה בעמוד־אש להאיר להם". בשלח כא)

דער נעפּל געדיכט,
גיי אויף, עמוד־אש,
פאַרדרייפאַך דיין ליכט,
דו האָסט מיך געפירט
דורך מדבר אמאָל,
דורך טיפקייט פון נאַכט,
דורך בערג און דורך טאָל.

איך גיי נאָך דיין שיין
פון נעכטיקע טעג
יאָרהונדערטער לאַנג.
בין אַלץ נאָך אין וועג —
און זע נישט קיין סוף,
און זע נישט קיין ציל —
צי ביסטו נאָר בלויז
פון פייער א שפּיל? —

איך שפּאַן אונטער דיר
און פיל נישט די ערד.
די נאַכט ביי דיין פלאַם
נאָך פינצטערער ווערט.
נאָר שווער אויף אַן אָרט
איז בלייבן מיר שטיין. —
גיי אויף, עמוד־אש,
פאַרדרייפאַך דיין שיין! —

16 אויגוסט, 1958.

דערפאַר...

דערפאַר האָב איך די ברויט־קערנער פון רויב־פייגל פאַרהיטן
ווייל געזייט כ׳האָב מיט טרערן, און מיט פרייד געשניטן,

און אז נישט דערלאַנגען זאָל זיך צו מיין ברויט קיין פייער,
טאָג און נאַכט ארומגעגאַנגען בין איך ארום שייער.

און אז דער ווינט די קערנער זאָל אין ערגעץ נישט פארטראָגן
האָב איך יעדע שפּארינקע וואָס אין די ווענט פארשלאָגן. —

און דערפאַר, וואָס כ׳האָב מיין ברויט פון אלדאָס בייז פאַרהיטן,
האָט עס אויף מיין טיש פאר מיר אין הונגער זיך פארביטן. —

20 אויגוסט, 1958.

ביים קוואַל

מינוטן און שעהן, ווי פלעווען צעפליען,
דער הימל אַלץ בלוי איז און רוי ביי שאַריען,
דער לאַנגוויל פון טעג וואַקסט אַרויס פון באַגינען,
עס בלאַנדזשען דורך וואָלקנס קורצזיכטיקע זונען.

דער קרייז פון די יאָרן קיין סוף קאָן נישט גרייכן,
פון דורשט עס צעשטאַרבן צעפלאָסענע טייכן,
נאָר איך דער בן־אדם, וואָס שפּיל זיך מיט פאַרבן,
ביים קוואַל פונעם לעבן פון דורשט וויל נישט שטאַרבן.

29 אויגוסט, 1958.

ביינאַכט אין סטעפּ

I

עס שלאָפט דער אַאול גוליסטאַן,
די וועגן צום סטעפּ ליגן אָפן,
געהילט אין א שוואַרצן טשאַפּאַן, *
א בארג איז אין ראַנד אויפגעלאָפן.

ס׳איז שטיל... איך שטרענג אָן דאָס געהער,
די שפּראַך פון דער שטילקייט צו הערן,
און גלייך מיך גערופן וואָלט ווער,
איך גיי נאָך דער שיין פון די שטערן.

אַ בוים, אָדער פאָרמלאָזער שטיין?
אין איילעניש פלעדערמייז פליען.
מיט זיך בלייב איך איבער אַליין.
אַ גרויסע לבנה נעמט גליען.

צעסיקעט זיך נאָענט א שלאַנג,
ווער ווייסט, וואָס ער מיינט אויף זיין לשון.—
אין נעפּל זיך וועבט מיין געדאַנק,
ביז וואַנען ער ווערט אויסגעלאָשן.

II

די טונקלקייט צייכנט אַ טאָל,
און איבער אים ציטערט אַ שטערן.

---

* אַ מאַנטל פון וואַטע אין קאַזאַכסטאַן.

איך הער פון דער ווייטנס אַ קול,
וואָס לאַנג כ׳האָב שוין אויפגעהערט הערן —

אַ קול מיר באַקאַנט פון דער הייה,
איר נאָמען בלויז איז מיר פאַרבליבן.
ווער ווייסט, ווען ס׳ן שאָטן געהיים
אצינד האָט זיך דאָרטן פאַרקליבן? —

און ווייַנט זייַנע אויגן זיך אויס,
און הענט אָפּגעשטאָרבענע בעטן,
אַז פון מייַן פאַרלאָזענעם הויז
די שוועל זאָל איך ווידער באַטרעטן.

די סטעפּישע נאַכט האָט פאַר מיר
פאַרבאָרגענע וועגן געעפנט,
נאָר ווער ווייסט, צי כ׳וועל צו דייַן טיר
אַמאָל אין מייַן לעבן שוין טרעפן?

III

אין האָריקן פינצטער געוועב
צעשייַנען זיך העלישע פלאַמען.
עס טראָגט מיך אין לופטן, איך שוועב
דורך פעלדער, דורך וועלדער און ימען.

מינוט קניפּט זיך אָן אין מינוט,
וואָס נענטער עס ווערן די ווייַטן.
א ריח נעמט אויפגיין פון בלוט,
און לענדער אויף לענדער זיך בייַטן.

א פלעק אויפן ראַנד פון דער נאַכט —
מייַן הויז מיט פאַרהאַמערטע טירן.
איך שטיי א פאַרצווייפלטער, טראַכט:
צי זאָל איך זיך וואגן פּרובירן? — — —

ווער האָט עס פון שלאָף מיך געוועקט?
און ווער האָט גערופן מייַן נאָמען? —

ווי אָפּגעטאָן האָט זיך די שרעק,
די נאַכט מיטאַמאָל איז צעשווומען.

א חלום אַ בייזער געווען?
איך גלויב נישט די אייגענע אויגן,
דעם הימל כ׳האָב פלוצלינג דערזען
מיט ליכט פונעם אויפגיין פארצויגן.

און קלאָר אַזוי שווימען אַרויס
פון טאָג־ליכט די ליבסטע געשטאַלטן.
ווייזט אויס, אַז צו שרעקן מיך בלויז,
זיי האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן...

ווער זינגט עס אַזוי אויף אַ קול?
אַ פריילעך געפילדער אין דרויסן.
איך ציטער, עס זאָל נישט אמאָל
א חלום מיך ווידער אַנטוישן.

ווער שרייט עס? ביסטו עס, מיין קינד?
געמיינט שוין איך האָב דיך פאַרלוירן — — —
דער רויש פונעם סטעפּישן ווינט
מיט יאמער גייט אויף אין די אויערן.

IV

צוקאָפּנס דעם באַרג טוקי־באַס
א פּעכער פון גליאיקע שטראַלן,
לבנה, פארשרפהט אויף אַש,
אין טאָל איז אַרונטערגעפאַלן.

דערוואַכט האָט דער סטעפּ אַרום מיר,
עס נעמען זיך שטויבן די וועגן.
מיין שאָטן אין גאַנג איך פאַרליר,
א טשערעדע קומט מיר אַנטקעגן.

און זינגענדיק טראַכט דער טשאַבאַן
פון רחבותן זוניקע, בלויע,

אָט איז דער אאול גוליסטאַן,
אָט איז מיין קיביטקע די גרויע.

כ׳פאל צו צו די ליימענע ווענט,
מיין חלום אין זאַמד איז צערונען.
דאָס פנים כ׳גראָב איין אין די הענט,
איך קאָן מיר קיין טרייסט נישט געפינען.

אינהאַלט

מיין בלומען=גאָרטן 5
ביי דער אָדרע 6
אַ בלימעלע 7
די מוזע 8
קריגן זיך די שורות פון מיין ליד . . . 9
אַ זומער=טאָג 10
אַ שטערן 11
הימל=באַלוואַן 12
נאַכט 13
האַרבסט 14
די רויז 15
איך און מיין שאָטן 16
ווען אַראָפּגעפאַלן פון הימל וואָלט די זון . 17
נאַכט 18
אַ גרויע האָר 19
וואָס פיבערסטו, וואַלד 20
איך גיי דורכן לעבן מיין וועג 21
דאָס טעלערל פון הימל 22
פאַרביי פאַר מיין בליק איז די צייט . . 23
מעת=לעתן 24
דער אַלטער טשאַבאַן 25
„אין חדש תחת השמש“ 27
ווען איך וועל שוין נישט זיין 28
אַ פונק פייער 29
דאָס ליד 30
אָרעמער פריינד 31
ווער וועט דערוועבן דאָס ליד? 33
אויף אַלע מיינע וועגן 34
דיין טאַטע האָט פאַרפלאַנצט אַ בוים . . 36
נישט דערשאַצט 37
אין בוך פון זכרון 38
וועק מיך אויף באַצייטנס ביטאָג . . . 39
אַ טונקעלער פלעק 40
אַ תפילה צום גורל 41

אַ דעמב 42
נישט פאַרשטעל פון מיר דאָס ליכט 44
מן המצר 45
אַ פישער=שיף 46
ריחלע 47
שטורעם 48
אין פלאָנטער פון חלום און וואָר 49
אונטער דער גאָרקע 52
ווי קאָן איך דען שווייגן 56
אַן ענטפער... 57
וגר זאב עם כבש... 59
אַ סאָסנע=בוים 60
מיין טאָג 61
סוף זומער 62
אין אַ ווייטן יאָרהונדערט 63
אויב 64
אין מיטן לעבן 65
די רויז 66
אַ שטערן 67
מיין עמוד=אש 68
ערפאַר 69
ביים קוואַל 70
ביינאַכט אין סטעפּ 71